גאָלד, זענט איר אויסגעלייזט געוואָרן פון אייער
נישטיקן וואַנדל, וואָס איז אייך איבערגעגעבן
19 געוואָרן פון אייערע עלטערן; נאָר מיט דעם טייערן
בלוט פון דעם משיח, ווי פון אַ לעמעלע אָן אַ מום
20 און אָן אַ פלעק; (שמות ה׳, ז־יג.) וואָס איז פאָרויס־
באַשטימט געוואָרן פאַר דער גרינדונג פון דער וועלט,
אָבער אַנטפּלעקט געוואָרן בײַם סוף פון די צייטן
פאַר אייערטוועגן, וואָס גלויבן דורך אים אין ג־ט,
21 וועלכער האָט אים אויפגעוועקט פון די טויטע און
אים געגעבן כבוד; כדי אייער אמונה און בטחון זאָל
22 זיין אויף ג־ט. און האָבנדיק געלייטערט אייערע
נפשות אין דער געהאָרכזאַמקייט פון דעם אמת צו
אַן אויפריכטיקער ברידערלעכער ליבע, זאָלט איר
ערנסט ליב האָבן איינער דעם אַנדערן פונם האַרצן
23 אַרויס; ווי ווידערגעבוירענע, נישט פון אַ פאַר־
דאָרבלעכן זאָמען, נאָר פון אַן אומפאַרדאַרבלעכן,
24 דורך ג־טס לעבעדיק און בלייבנדיק וואָרט. ווייל:

יעדעס פלייש איז ווי גראָז,
און יעדע פראַכט דערפון איז ווי אַ בלום פונם
גראָז.
פאַרטרוקנט ווערט דאָס גראָז,
און די בלום פאַלט אַראָפּ;
25 דעם האַר (ג־טס) וואָרט אָבער בלייבט אויף
אייביק. (ישעיהו מ׳, ח.)

און דאָס דאָזיקע איז דאָס וואָרט, וואָס איז אייך
אָנגעזאָגט געוואָרן ווי אַ גוטע בשורה.